# זעקת החינוך

(גליון שמז)

Tel. 020-3514-6632

**הגליון טעון גניזה**
עכ"ז גיבן מיר אכטונג נישט צו
שרייבן קיין פסוקים במילואם

## למען ידעו דורותיכם כי בסוכות הושבתי את בני ישראל וגו'.

דער טעם פון **מצות סוכה** זאגט אונז די הייליגע תורה, אז מען זאל איבער געבן פאר אונזערע קינדער, אז נאך יציאת מצרים ווען די אידן האבן געוואנדערט אין דעם מדבר, האט דער אויבערשטער אונז ארומגענומען פון אלע זייטן מיט **ענני הכבוד**.

די ספרים הק' ערקלערן, אז איינס פון די הויפט צילן פון די דאזיגע וואלקענעס איז געווען, **אפצוטיילן יודישע קינדער פון די ערב-רב**, כדי מען זאל חלילה נישט נשפע ווערן פון זיי. – כאטש דער מן און **באר** זענען געווען פאר יעדן צוגלייך, אויך פאר די **ערב רב**, אבער די **ענני הכבוד**, דאס איז געווען בלויז פאר יודן אליין.

און דאס איז איינס פון די **יסודי הדת**, טאקע גלייך ביים אנהייב פון כלל ישראל, ווען יודן זענען נארוואס געווארן דער **עם ה'**, נאך פאר **מתן תורה**, גלייך ביים ארויסגיין פון מצרים, האט שוין דער הייליגער באשעפער זיכער געמאכט אז מיר זאלן זיין גענצליך אפגעטיילט פון פרעמדע און שלעכטע השפעות.

און מען דארף נעמען אין באטראכט, ווער זענען טאקע געווען אט די **ערב-רב** וואס דער רבוש"ע האט געהייסן זיך אפטיילן פון זיי? דאס זענען נישט געווען קיין **מינים ואפיקורסים** און אפילו נישט קיין **רשעים**, נאר דאס זענען געווען די **טובים שבאומות**. דאס זענען געווען אזעלכע וואס זענען געווען גרייט איבערצולאזן זייער גאנצע האב און גוטס, זייערע אייגענע משפחות האבן זיי איבערגעלאזט אין מצרים, אלעס כדי זיך צו קענען מצרף זיין און זיין נטפל צו די אידן אין מדבר. זיי זענען דאך אויך ארויסגעגאנגען **לארץ ציה ושממה**, אין א וויסטעניש, ווייל זיי האבן מרגיש געווען אז ביי יודן איז דא דער אמת. – פונדעסטוועגן, אפילו פון אט די דאזיגע **ערב-רב** האט דער באשעפער זיכער געמאכט אז אידן זאלן זיין אינגאנצן אפגעזונדערט, כדי עס זאל חלילה נישט ארייקומען פון זיי קיין שום שלעכטע השפעה צווישן אידן.

באמת, **מצות סוכה** איז פון די איינציגסטע מצוות וואס ס'שטייט בפירוש ארויס אין די תורה א טעם **למען ידעו דורותיכם**, אז מען זאל עס ווייטער איבערגעבן פאר די קומענדיגע דורות, און אז מ'דארף איינווארצלען אין די קינדער אט דעם דאזיגן וויכטיגן יסוד.

פארשטייט מען פון דעם, אז כש"כ וק"ו ווען עס קומט צום דעם **עצם חינוך** פון אונזערע קינדער, דער יסוד פון איבערגעבן די הייליגע תורה פאר אונזערע דורות ווייטער, איז דאך פשוט און זעלבסט-פארשטענדליך אז מ'דארף זיך ארומנעמען מיט **עננים**, כדי עס זאל חלילה נישט אריינדרינגען ביי אונז אפילו קיין משהו פון די גוי'אישע השפעות ח"ו, אפילו נישט פון אזעלכע וואס קוקן אויס ווי די ערב רב, די בעסערע פון צווישן זיי.

כל שכן וק"ו ווען מ'רעדט בכלל נישט פון די דעמאלסדיגע ערב-רב, נאר מען רעדט פון די היינטיגע נידריגע גוים, וואס זענען איין שטיק מינות און אפיקורסות, און די גאנצע רפש וטומאה שפראצט ארויס פון זייער גאנצע וועזן; יעדעסווארט זייערס איז דורכגעפוילט מיט מינות און תועבות רח"ל וואס מ'טאר אפילו נישט ברענגען אויפן געדאנק. איז דאך זיכער אהן קיין שום ספק אז מ'דארף זיך איינשפארן און ארומנעמען מיט **עננים**, און בשום אופן נישט צו

לאזן קיין משהו פון זייער שלעכטע השפעה אריינקומען ביי אונז אין די **מחנה שכינה**, אויף קיין שום וועג וואס אימער, - צו ביי קליינע קינדער, צו גאר ביי די פלעי-גרופס, צו אין די עלטערע כיתות, - סיי דירעקט: אז די טמאים פארלאנגען צו רעדן מיט אונזערע קינדער, און די לימודים וואס זיי פאדערן, און סיי אומדירעקט: די סעקולארע אקטיוויטעטן, און סעקולארע בילדער וואס זיי פארלאנגען מען זאל אויפהענגען אין אונזערע הייליגע בתי חינוך, - פון אט דעם אלעם דארפן מיר זיך אפטיילן געגצליך, און מאכן זיכער אז אונזערע קינדער זענען ארום געגומען מיט **ענוים** – ד״מ אז זיי זענען אפגעהיטן מיט א ריינעם יודישן **חינוך**, כדי אז קיין שום גוי׳אישע השפעה זאל חלילה נישט דערגרייכן צו זיי ח״ו.

טאקע יעצט ביי דעם הייליגן יו״ט **סוכות** איז פאסיג צו ברענגען אלס משל, וואס איז פארשטענדליך פאר יעדן איינעם, אז אזעלכע סארט בילדער – אפילו אן קיין שום שלעכטס – נאר פשוט גוי׳אישע און סעקולארע בילדער, וועט קיינעם ניטאמאל בייפאלן דאס אויף צוהענגען אין די הייליגע **סוכה**, מען דארף דאס ניטאמאל מסביר זיין פאר קיינעם, יעדער איינער פארשטייט דאס, אפילו גאנץ מאדערנע יודן וועלן דאס אויך פשוט פארשטיין, ״אין א הייליגע סוכה, דארט וואו עס קומען אריין די הייליגע **אושפיזין**, דארט האט דאס נישט קיין מקום״. - איז דאך אוודאי און אוודאי אז אין א הייליגע **תלמוד תורה** אדער **בית חינוך לבנות**, האט דאך זיכער נישט קיין פלאץ די אלע גוי׳אישקייטן, - אונזערע **בתי חינוך** זענען דער יסוד פון יודישקייט אין די הערצער פונעם קומענדיגן דור, און יעדע טומאה וואס מען לאזט דארט אריין, וועט חלילה מאכן א טיפע לאך און א ווייטגרייכנדע שלעכטע השפעה אין די הערצער פון די **צאן קדשים** חלילה.

און אויב דאס קינד זאפט אריין אין זיך די **דרכי החינוך** פון די גוים ח״ו, ווערט זיין קלארע אמונה אטאמאטיש אפגעשוואכט. די וויכטיגסטע יסודות, די ריינע תמימות׳דיגע **אמונה** וואס ער האט געזען ביי זיין טאטע און מאמע, און דער ברען און חיות צו א מצוה, ווערט אלעס אויסגעלאשן, און זיין קאפ ווערט אנגעפילט (אינעם בעסטן פאל) מיט ספיקות און בלבולים, אנגעשטאפט מיט נארישקייטן און פרעמדע מושגים וואס קומען אריין אין זיין קאפ בד בבד צוזאמען מיט אלע הייליגע לימודים וואס ער לערנט אין חדר.

אנשטאט אז אין די יונגע יארן זאל זיין גאנצע קאפ זיין אנגעפילט בלויז מיט ריינע **תורה ויראה**, נאר מיט מושגי קדושה און **אמונה טהורה**, און נאר מיט די הייליגע טעג פון **ראש השנה**, **יום כיפור**, **סוכות** און **שמחת תורה** – אנשטאט דעם, טוט זיך ביי אים אין קאפ א גאנצע מישמאש. פון איין זייט **תקיעת שופר**, **תשליך**, **כפרות** און **הושענות**, אבער פון די אנדערע זייט פאליציי, טרעפיק-לייטס, מעקאניקער, פייער לעשער, וויאזוי א זייגער ארבעט, און נאך אזא סארט אויסמיש פון **עניני קדושה** וואס בלייבן אויף נצח נצחים, מיט – להבדיל – אומצאליגע פשוט׳ע עניני העולם השפל הזה, וואס אפשר א קליין טייל פון זיי זענען נוצבאר ביז צום קבר!

א קינד וואס וואקסט אויף מיט אזא פאלשן בליק, אז ״שעיפס״ און ״קאלירן״ זענען ביי אים פונקט אזא וויכטיגע נושא ווי די **ארבע מינים** רח״ל, וויאזוי וועט שוין אויסזען זיין אידישקייט? ווי שטארק וועלן זיין זיינע אידישע שרשים? וויאזוי וועט ער קענעןביישטיין די נסיונות הזמן, וואס זענען סייווי שוין ווי שטורמישע כוואליעס וואס דראען אומצוברענגען דאס גאנצע אידישקייט היל״ת? און וויפיל ווארימקייט וועט שוין אזא קינד האבן איבערצוגעבן די ריינע אידישקייט פאר זיינע קומענדיגע דורות? - אפגערעדט ווען עס רוקן זיך אונטער נסיונות אין א **רוח שאינה מצוי׳** ווי היינט-צו-טאגס, פון וואו זאל ער נעמען די כוחות צו

קענען שטיין פעסט קעגן די אלע בייזע ווינטן פון די גאס?!

מ'זעהט דאך וואס עס טוט זיך היינט אפילו ביי אונז אליין, אז פאר א ביסל געלט צוברעכט מען די **ענני הכבוד** מיט די אייגענע הענט רח"ל. מיט די פאר פונט וואס די סטרא אחרא טיילט אויס, האט ער באוויזן איינצונעמען גאנצע ציבורים און אפילו שיינע גרויסע קהילות און פארבלענדן די אויגן פון חשוב'ע אידן און בעלי צורה. ס'איז ממש אומגלויבליך ווי מען לאזט אריין דעם גוי טריט נאך טריט, איין פירצה נאך די צווייטע און איין דורכפאל נאכן צווייטן, און מען טוט נישט עפענען די אויגן! - און דאס איז טראץ-דעם וואס דער גוי באהאלט בכלל נישט זיינע בייזוויליגע כוונות, און ער זאגט עס אפן און גראד, און עס איז געדרוקט שווארץ אויף ווייס אין אלע זיינע ליפלעטן און ביכער, **אז זיין גאנצע ציל מיט די אלע פאדערונגען איז נאר ווייל ער וויל זעהן שינויים אינעם מהלך המחשבה פון די יודישע קינדער. ער וויל טוישן זייער גאנצן בליק אויף די וועלט, כדי זיי זאלן חלילה נישט מיטשטימען מיטן 'ה' בדד ינחנו ואין עמו אל נכר', און כדי דער יסוד פון 'אתה בחרתנו מכל העמים' זאל ח"ו אפגעשוואכט ווערן. ער וויל אז דאס קינד זאל זיין א "נארמאלע מעמבער פון סאסייעטי", ער זאל אריינפאסן מיט זיין גאנצן געדאנק, געפיל און מהות אין די היינטיגע פארדארבענע וועלט רח"ל.** דער גוי איז מסכים אז ער מעג האבן זיינע גלויבונגען אדער מנהגים, אבער ביסוד זאל זיין מחשבה-גאנג זיין געשטעלט "פונקט ווי אלע גוים אויף די וועלט רח"ל". דער גוי זאגט דאך קלאר אז דאס איז זיין גאנצע ציל, און ס'איז דאך באקאנט אז די אלע זאכן וואס די גוים פארלאנגען זענען נייע זאכן וואס מ'האט ביי אונז קיינמאל נישט געלערנט מיט די קינדער. ס'איז אויך פשוט אז די אלע מושגים וואס די גוים פאדערן מען זאל לערנען, **אפילו די "דברים המותרים" זייערע, זענען נישט קיין תמימות'דיגע איזאלירטע פאדערונגען, נאר אלעס איז א חלק פון זייער גאנצע מייסטער-פלאן אונז חלילה צו "נארמאליזירן" לפי דעתם הטמאה, רח"ל!!** און פונדעסטוועגן זענען מיר נאך אלץ אזוי בלינד, און מ'כאפט זיך נישט אז מ'דארף זיך איינגאנצן אפהאקן פון די גוים און פון זייערע געלטער, און זיך אויפבויען מיט אן אמת'ע מסירות נפש גענצליך זעלבסטשטענדיג; ווייל נאר אזוי וועלן מיר קענען שטיין פעסט און ווייטער בויען ערליכע דורות. און אויב ביי אונזער דור האלט עס שוין ביי אזא מצב, וויאזוי און ווי שטארק וועט שוין נעבעך אויסזען דער קומענדיגער דור, וואס וואקסט שוין אויף אויף די נייע קרומע שינעס ה"י?!

אלזא, אז מיר האלטן אצינד אין די געהויבענע טעג, גלייך נאך **ראש השנה** און **יום כיפור**, אין די הייליגע טעג פון **סוכות**, דארפן מיר זיך שטארק פאָרנעמען און מחזק זיין אין דעם ענין פון **למען ידעו דורותיכם**, כדי איבערצוגעבן פאר די טייערע קינדערלעך דעם **כי בסוכות הושבתי את בני ישראל.**

מיר מוזן ארומנעמען אונזער גאנצער **חינוך** מיט די **ענני הכבוד** און חלילה נישט אריינלאזן קיין שום השפעה פון די טמא'נע גוי'אישע גאס. מיר דארפן זיך איינגאנצן איינשפארן **בצלא דמהימנותא** – אינעם הייליגן שאטן פונעם אייבערשטן, און אויסלערנען די קינדער דעם **זכאה חולקיהון דישראל**, ווייל **חלק ה' עמו יעקב חבל נחלתו**. מען טאר חלילה נישט אריינלאזן דעם גוי אינעם הייליגן יודישן חינוך כלל וכלל, נאר עס זאל זיין ריין און הייליג פונקט ווי עס איז געווען ביי אונזערע עלטערן אין אלע דורות ביזן היינטיגן טאג.

יהי"ר אז אין דעם זכות וועלן מיר טאקע זוכה זיין צום **הפורש סוכת שלום עלינו ועל כל עמו ישראל ועל ירושלים** בב"א.

בס"ד

לכבוד הגליון החשוב הע"י

איך האב געוואלט איבערטייטשן א ווארט פונעם ספה"ק **דברי יואל** (על ר"ה סוף דף קכה) וואס איז שטארק נוגע צום היינטיגן מצב החינוך.

ער ברענגט צו פון **תיקוני זוהר** (תיקון ו'), וואס זאגט און רעדט זיך אפ, אז דער אויבערשטער קוקט אריין אין די בתי כנסיות און זעהט אז מען שרייטביים דאווענען אין יום כיפור ככלבים (אזוי ווי הונט) הב הב לנא מזונא וסליחה וכפרה וחיי, מען בעהט נאר פאר פרנסה און לעבן, און קיינער בעט נישט אויף גלות השכינה.

פרעגט ער, לכאורה איז שווער, פאר וואס דער **תיקוני זוהר** איז מגנה אזוי שטארק אזעלכע בקשות, חז"ל האבן דאך דאס אריינגעלייגט אין די תפילות, **זכרנו לחיים**, **ופרנסה טובה וכו'**.

ובפרט, דאס אליין איז דאך א **מדה טובה**, אז א יוד גלייבט באמונה שלימה אז אלעס קומט פון באשעפער, און אז ער דארף לעבן און פרנסה, בעט ער דאס פונעם באשעפער.

און נאך מער דארף מען פארשטיין פאר וואס דער **תיקוני זוהר** רופט דאס אן מיט א לשון מגונה פון **צווחין ככלבין**, פאר וואס גלייכט ער דאס צו צו הונט?

ענטפערט ער, מיט א הקדמה פון חז"ל (רש"י הק' ברענגט דאס אין פ' משפטים), אויפן פסוק **לכלב תשליכון אותו**, די תוה"ק זאגט אז נבילות וטריפות זאל מען געבן פאר די הונט, זאגן חז"ל, אז דאס איז ווייל אין מצרים האבן די הונט נישט געבילט פסח ביינאכט, בשכר זאת זאגט די תורה זיי צו געבן די נבילות וטריפות.

עכ"פ זעהט מען פון דעם אז הונט ווערן געשפייזט פון נבילות וטריפות.

ווייטער ברענגט ער פון **ספר הפליאה** וואס פרעגט אויף דעם וואס אז חז"ל זאגן אז דער 'לייב' איז איינער פון די ד' פנים במרכבה, פרעגט ער, א לייב איז דאך פון די בהמות טמאות, איז ווי פאסט ער אריין אין די פני המרכבה? - ענטפערט ער אז באמת איז דער לייב א מין חיה טהורה, נאר וויבאלד ער עסט כסדר נאר חיות טמאות, האט די תורה דאס גע'פסל'ט, און ס'איז אסור צו עסן. - ע"כ מספר הפליאה.

דאס זעלבע איז ביי מענטשן אויך. אפילו א ערליכער יוד, אויב חלילה זיין פרנסה קומט נישט פון די קדושה, נאר פון די סטרא אחרא ר"ל, איז ער ח"ו אזוי ווי א הונט, וואס די מזונות און חיות פון א הונט איז פון נבילות וטריפות.

מיט דעם קען מען פארשטיין וואס דער זוה"ק זאגט אז אויב מען בעהט פאר פרנסה דורך די בחינה פון צווחין ככלבא הב הב, - דער זוה"ק רעדט פון די מענטשן וואס בעטן פאר זייער פרנסה נישט פון די מקור הקדושה, נאר פון די סט"א ר"ל, וואס כאטש זיי באקומען אויך זייער פרנסה, אבער דאס קומט נישט פון מקור הקדושה, אזא סארט בקשה איז צוגעגליכן ווי די הונט, און אויף דעם איז די תביעה כביכול פון דעם הייליגן באשעפער.

דארפן מיר אין די טעג מתפלל זיין אויף פרנסה דייקא ממקור הקדושה, און נישט ח"ו פון געלט וואס קומט פון די סט"א, כדי אז מיר זאלן חלילה נישט נכלל ווערן אין די וואס דער זוה"ק זאגט אויף זיי צווחין ככלבא הב הב. - ע"כ מספר הק' הנ"ל.

מורא'דיגע דיבורים וואס זענען קילורין לעינים אין דעם היינטיגן מצב, - ביטע דאס מפרסם זיין לתועלת הציבור.

א פרייליכן יו"ט, (   -   )